# מיט א טיפערן בליק

## פרשת כי תבא תשפ"ו

## כאפ נישט אוועק מיינע ביכורים!

בס"ד

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

פרשת כי תבא הייבט זיך אָן מיט די מצוה פון ביכורים וועלכע כלל ישראל איז באפוילן געווארן נאך מיר קומען אריין קיין ארץ ישראל, וְהָיָה כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ נַחֲלָה וִירִשְׁתָּהּ וְיָשַׁבְתָּ בָּהּ, ווען מיר וועלן ירש'ענען דאס לאנד, דאן יעדעס יאר ווען עס ווערן געצייטיגט די ערשטע פירות פון די שבעת המינים, דארף מען זיי ארויפברענגען קיין ירושלים און עס טראגן אין בית המקדש און געבן פארן כהן.

ביים ברענגען די ביכורים זאגט מען די גאנצע נוסח פון 'וידוי ביכורים' וואס שטייט אין די פסוקים, מען הייבט אָן מיט די ווערטער "הִגַּדְתִּי הַיּוֹם לַה' אֱלֹקֶיךָ כִּי בָאתִי אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע ה' לַאֲבֹתֵינוּ לָתֶת לָנוּ", דער איד דערציילט פארן אייבישטער אז ער האט זוכה געווען אנצוקומען קיין ארץ ישראל, און דערנאך איז ער ממשיך מיט שבח והודאה צו השי"ת אויף אלע גוטע זאכן וואס ער האט איהם געגעבן.

צום ערשט לאמיר זיך אפשטעלן און מדייק זיין אינעם לשון הפסוק הִגַּדְתִּי הַיּוֹם לַה' אֱלֹקֶיךָ כִּי בָאתִי אֶל הָאָרֶץ, וועלכע הערט זיך ווי א שטיקל 'מודעה' וואס דער איד דארף אויסרופן און זאגן פארן אייבערשטן "איך בין אנגעקומען צום לאנד", וואס איז פשט פון די מעלדונג? בפרט ווען יעדער פארשטייט אליין אז אודאי איז ער אנגעקומען קיין ארץ ישראל; די גאנצע חיוב פון ברענגען ביכורים איז נאר אויב מ'האט א פעלד אין ארץ ישראל, אז דער איד שטייט דא אין בית המקדש מיט זיינע פירות איז דאָך געוויס אז ער האט זוכה געווען אנצוקומען קיין ארץ ישראל.

ועוד, עס איז אינטערסאנט צו באמערקן אז דאס איז שוין די צווייטע מאל וואס מיר געפונען דא דעם לשון. די פרשה זעלבסט הייבט זיך אָן מיט די ווערטער וְהָיָה כִּי 'תָבוֹא' אֶל הָאָרֶץ. איז משמע פון דעם אז מצות ביכורים האט עפעס א ספעציעלע שייכות מיט'ן 'אנקומען' קיין ארץ ישראל. וואס איז די כוונה דערפון?

אביסל ווייטער אין די פרשה געפונען מיר די מצוה פון וידוי מעשרות. נאך יעדע דריי יאר איז דא א מצוה אז דער מענטש מוז 'אויסרוימען' פון שטוב אלע תרומות ומעשרות פון פירות און תבואה וואס האבן זיך אנגעזאַמלט ביי איהם. אלע זאכן וואס מען האט נאכנישט גע'מעשר'ט דארף מען דעמאלטס מעשר'ן און אפגעבן פארן כהן, לוי, אדער עָני, לויט די באשטימטע חיובים וואס שטייט אין די תורה, מען טאר עס מער נישט פאַרזוימען אינדערהיים. [די סדר האט מען געטוהן צוויי מאל דורכאויס די מחזור פון זיבן יאר (שמיטה). ווען עס קומט די יום טוב פסח פונעם פערטן יאר פון שמיטה, דארף מען ארויסגעבן אלע תרומות ומעשרות פון די ערשטע דריי יאר זינט שמיטה. און די זעלבע דארף מען טוהן ווען עס קומט פסח פונעם שנת השמיטה, דעמאלטס גיבט מען אפ אלע תרומות ומעשרות פון די פערטע פינפטע און זעקסטע יאר]. בשעת מען איז מבער די תרומות ומעשרות איז דא א נוסח פון וידוי וואס דער איד דארף זאגן, און צווישן אנדערע זאגט מען "בִּעַרְתִּי הַקֹּדֶשׁ מִן הַבַּיִת... לֹא עָבַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ וְלֹא שָׁכָחְתִּי... שָׁמַעְתִּי בְּקוֹל ה' אֱלֹקָי עָשִׂיתִי כְּכֹל אֲשֶׁר צִוִּיתָנִי" רבוש"ע איך האב נישט עובר געווען אויף דיינע מצוות, איך האב נישט פאַרגעסן דיינע רייד, איך האב מקיים געווען אלעס וואס דו האסט געהייסן!

אצינד, בדרך כלל ווען מען רעדט פון 'וידוי' זענען מיר צוגעוואוינט צו טראכטן פון אן אנדערע סארט וידוי, איבערהויפט יעצט ווען מיר שטייען שוין סמוך ונראה צו די הייליגע טעג פון סליחות און ימים נוראים ווייסן מיר אז וידוי ברענגט ארויס בדרך כלל די שוואכקייט פונעם מענטש, זיין ווייטקייט און שפלות, די עבירות וואס ער האט עובר געווען און די זאכן וואס ער האט נישט גוט געטוהן. אבער דא האבן מיר פלוצלינג א נייע סארט וידוי אין וועלכע דער איד ברענגט ארויס זיין שלימות און גוטסקייט, לֹא עָבַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ וְלֹא שָׁכָחְתִּי, עס הערט זיך כמעט ווי מען האלט זיך גרויס ח"ו, וואס איז פשט פון דעם?

און צום לעצט, מיר ליינען שטענדיג פרשת כי תבא אין די וואכן איידער ראש השנה וואס באדייט אז ס'איז פארהאן א קשר און א שייכות צווישן די צוויי ענינים. אין **שפת אמת** (שנת תרל"ז) שטייט "מצות ביכורים היה הכנה לראש השנה" וויבאלד רוב מענטשן האבן געברענגט זייערע ביכורים אין די יעצטיגע תקופה (ווי דער דין איז אז די עיקר מצוה איז דוקא פון שבועות ביז סוכות). דעריבער לאמיר זיך פארטיפן און זעהן וואס מיר קענען אפלערנען פון מצות ביכורים און אונזער פרשה אלס א הכנה צו די גרויסע און הייליגע טעג הממשמשים ובאים עלינו לטובה.

**אלעס ווענדט זיך וויאזוי מען קוקט**

אלס אן הקדמה און אריינפיר צו אונזער שמועס, איז כדאי מיטצוטיילן א קליינע מעשה וואס ערוועקט א שטארקע נקודה למחשבה, און וועט אונז אביסל ממחיש זיין וויאזוי אונזער ריכטיגע בליק דארף זיין בסייעתא דשמיא.

עס האט מיר דערציילט א טאטע וואס זיין זוהן האט זיך שטארק געפלאָגט אין לערנען. דאס קינד איז נישט געבענטשט געווארן מיט שטארקע כשרונות, און דעריבער איז ער כסדר געווען היבש אונטערשטעליג אין זיינע לימודים, ער האט שוואך געקענט וואס מ'האט געלערנט מיט איהם. דער טאטע פון זיין זייט האט נישט געשפאָרט קיין געלט און כוח, ער האט געטוהן וואס נאר מעגליך ארויסצוהעלפן זיין זוהן און פראבירט איהם ארויפצוברענגען צו העכערע שטאַפלען. צווישן אנדערע האט ער געדינגען א יונגערמאן זאל זיך אפגעבן מיט זיין זוהן און חַזר'ן מיט איהם די לימודים, כדי ער זאל שטייגן און זעהן א סימן ברכה אין זיין לערנען.

עס זענען אדורך עטליכע חדשים, און דער טאטע זאגט, עס האט איהם געדרוקט אויפן הארצן דער פאַקט אז ער זעהט נאָך אלס נישט אזא שטארקע הצלחה אין זיין זוהן. דאס קינד פלעגט אהיימקומען מיט בחינות פון חדר, זיינע צייכענונגען זענען געווען בדרך כלל אין די געגנט פון א 'זיבעציג' און דאס גלייכן, א גוטע בחינה האט געהאט א דריי און זיבעציג, אבער נישט מער פון דעם. דער טאטע האט זיך געערגערט שפירנדיג אז ער לייגט אריין אזויפיל

כוחות און ער באצאלט אסאך געלט פאר דעם יונגערמאן צוצולערנען מיט זיין זוהן, פארוואס זעהט מען נישט די געוואונטשענע רעזולטאטן?

איין טאג האט דער טאטע באשלאסן צו פאַררופן א שטיקל אסיפה צווישן דעם מנהל, מלמד, און דער יונגערמאן וואס לערנט פריוואט מיט זיין זוהן, און צוזאמען וועט מען מטכס-עצה זיין בנוגע די הצלחה פונעם קינד. כך הוה, מען האט זיך צוזאמגעזעצט דן צו זיין אינעם נושא, און בתוך הדברים האט דער טאטע אויסגעדרוקט זיין ביטערניש אז עס געפעלן איהם נישט די מאַרקס פון זיין זוהן, עס קוקט נישט אויס ווי ער האט א שטארקע הצלחה און תועלת.

אזוי רעדנדיג, גייט דער יונגערמאן וואס לערנט מיט'ן קינד, און ער שלעפט ארויס פון זיין טאש איינס פון די ערשטע בחינות וואס דער יונגל האט געמאכט אנהייב יאר, אויף יענע בחינה איז זיין צייכענונג געווען נישט מער ווי א זיבן און דרייסיג (37)! זאגט דער יונגערמאן פארן פאטער, "אמת טאקע אז זיינע צייכענונגען האלטן נאכנישט ביי הונדערט, זיי האבן נאך א וועג צו גיין, אבער אז דו קוקסט צוריק פון וואו ער קומט, וועסטו זען אז דיין זוהן איז גאר שטארק געשטיגן! ער האט באמת געמאכט פאַרשריט אין זיין לערנען. די מרחק צווישן זיבן און דרייסיג ביז דריי און זיבעציג איז אסאך גרעסער ווי די מרחק צווישן דריי און זיבעציג ביז הונדערט"...

דער טאטע זאגט, ער איז געבליבן ערשטוינט און זיך געוואונדערט אויף זיך אליינס וויאזוי האט געקענט אזאנס פאַסירן אז ער האט אינגאנצן 'פאַרזעהן' און בכלל נישט אין אכט גענומען אט דעם ריזיגן שינוי לטובה און פאַרשריט אין די הצלחה פון זיין קינד.

אבער דער אמת איז, מיר פארשטייען איהם זייער גוט. די טבע פונעם מענטש איז צו באמערקן די חסרונות מער ווי די מעלות. מיר קוקן אייביג אויפן גרעסערן בילד און מיר ווילן די גרעסטע שלימות וואס איז נאר פאַרהאַן. מיר קוקן צו די זייט פונעם 'הונדערט' און דערפאר זעהט אויס 73 נאך זייער ווייט פון דארט. אבער אויב קוקט מען וואס מען האט שוין יא מצליח געווען, דאס וואס מען האט יא אויפגעטוהן, פון וואו מען קומט, א.א.וו. דאן וואלט מען באמת געקענט שטאלצירן און הנאה האבן.

### דער יצר הרע קען באשטיין מיר זאלן זאגן וידוי

לעניננו. אינעם פריערדיגן שיעור האבן מיר מאריך געווען בסייעתא דשמיא אינעם ענין פון מלחמת עמלק, ווי מיר האבן געברענגט פון **ספרים הקדושים** איז דאס א מלחמה געבויט בעיקר אויף "אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ", די ציל פון עמלק איז אריינצוּוואַרפן דעם איד אין מקרה און טבע, אוועקנעמען די געפיל, ברען און התחדשות אין עבודת השי"ת, ווי עס איז די לשון פונעם הייליגן **שפת אמת זי"ע** (כי תבא, תרנ"ו) "שרוצה להפיל קרירות באיש ישראל להיות מוטבע בטבע ובמקרה", עמלק וויל אונז קאַלט מאכן צו יעדער דבר שבקדושה.

מיר האבן גערעדט פונעם נושא וויאזוי דער יצר הרע ווייסט גוט וויאזוי 'אויסצולעשן' די געפילן פון א איד דורכ'ן אוועקנעמען זיין יישוב הדעת און רואיגקייט, ער מאכט דעם מענטש שפירן אויסגעברענט און אפגעשוואכט און פון דארט איז שוין די וועג קורץ ח"ו צוצוקומען צו פארשידענע עבירות און חסרונות.

מען קען זאגן אז פרשת כי תבוא איז ממש א דירעקטע המשך פון דעם ענין. אין אונזער פרשה לערנען מיר נאך איינס פון די תכסיסי מלחמה פונעם יצר הרע מיט וועלכע ער וויל אונז קומען אונטערברענגען און אראפשלעפן, און מיר מוזן זיך שטארקן און מלחמה האלטן מיט אט דעם יצר הרע.

איינס פון די דרכי היצר וואס ער נוצט קעגן דעם מענטש, ועכשיו ביותר, אינעם יעצטיגן זמן ווען מיר טרעטן אריין אין די ימי הרחמים והסליחות, איז צו צוברעכן דעם מענטש און איהם מאכן שפירן קליין און נידריג. טאקע אין די טעג ווען א איד שטעלט זיך מפשפש זיין במעשיו און זאגן סליחות און וידוי, קומט דער יצר הרע צו גיין און ווייזט פארן מענטש ווי קליין און דערווייטערט ער איז, ער ברענגט איהם ארויף אויפן געוויסן זיינע שוואכקייטן און עבירות. בדיעבד האט דער יצר הרע גאנץ פיין הנאה פונעם וידוי זאגן פון א איד, ווייל דעמאלטס איז א שעת-הכּושר פאר איהם אריינצוּוואַרפן דעם מענטש אין עצבות און ייאוש. ער מאכט דעם מענטש שפירן קליין און פאַרזידניגט רח"ל, דער מענטש זאל זיך קאבן אין די עבירות און על חטא'ס וואס ער האט אפשר עובר געווען...

און טאמער דער מענטש איז מחליט זיך צוזאמצוקלויבן און ער וויל עוסק זיין אין תשובה און תיקון המעשים, קומט ווייטער דער יצר הרע מיט זיין אֲשֶׁר קָרְךָ טאַקטיק און שלעפט אראפ דעם מענטש זאגענדיג, "וואס מאכסטו זיך נאריש? דו האסט שוין טויזנט מאל פראבירט און עס איז נישט געגאנגען, דו ביסט אלעמאל געבליבן דער זעלבער מענטש און זיך נישט געקענט אוועקרוקן אפילו א זיז כל שהוא פון וואס דו ביסט געווען, דו ווייסט גאנץ גוט אז עס איז כמעט אוממעגליך פאר דיר צו מאכן א שינוי, דו האסט דאָך אזא לאנגע וועג צו גיין"... וכהנה וכהנה.

### ווען מען אַנערקענט נישט די גוטע חלקים

דער ענין איז מבואר באריכות אין פילע **ספרים הקדושים** און פון **בעלי מוסר**, אז דאס איז איינס פון די וועגן וויאזוי דער יצר הרע שוואכט אפ דעם מענטש, דורכ'ן אריינברענגען אין איהם א צובראכנקייט און שוואכקייט. ער לאזט נישט דעם איד באמערקן וויפיל ער האט זיך באמת יא גערוקט פאָראויס, וויפיל זאכן ער האט יא גוט געטוהן ביז אהער. **די גוטע נקודות פון פאַרשריט און הצלחה מאכט דער יצר הרע אויסקוקן קליין און נישטיג אין די אויגן פונעם מענטש, ער מאכט דעם מענטש פארגעסן דערפון, דאגעגן די חסרונות און דורכפעלער, דאס שפילט ער אויף אין גרויס פאר די אויגן פונעם מענטש און ער מאכט דאס פאר א עיקר.**

אז א איד וועט זיך באמת פאַרמאַכן די אויגן פאר א מינוט און אריינקלערן אין זיין מצב באמת, וועט ער באמערקן (און דאס איז כולל יעדער פון אונז בלי יוצא מן הכלל) אז פונעם פאַריגן חודש אלול ביז דעם היי יעריגן, זענען געווען הונדערטע אויב נישט טויזנטע מינוטן אין וועלכע ער האט געהאט גוטע רצונות און מחשבות, ער האט געקעמפט צו זיין גוט, ער האט פראבירט זיך צו שטארקן אויף נסיונות, שמירת עינים, שמירת המחשבה, שמירת הלשון, כעס, מחלוקת. אדער זיך אנגעשטרענגט צו שטארקן אין לימוד התורה, תפלה, גמילות חסדים, צדקה, און נאך. דאס הייסט אז ער האט זיך בעצם אנגעזאַמלט אזויפיל גוטע נקודות און זכותים דורכאויס דעם יאר. אין הימל האבן די אלע מינוטן א אומגעהויערע חשיבות, דער אייבישטער שעצט אונזערע גוטע רצונות און שאיפות, ווי קליין עס זאל נאר זיין, און דאס אלעס ווערט גערעכנט

ווי שטארקע פאַרשריט אינעם גוטן ריכטונג. אבער דער יצר הרע לאזט עס נישט באמערקן, פון דעם רעדט ער נישט... אדרבה, ער מאכט עס גאר פאר א דבר האסור, ער מאכט דעם מענטש שפירן אז אויב וועט ער טראכטן פון זיינע גוטע חלקים וועט ער גאר זיין א בעל גאוה ח"ו. וואס דאס איז ענוה פסולה ווי באקאנט, ווען דער מענטש שטארקט זיך נישט און איז נישט מקיים דעם וַיִּגְבַּהּ לִבּוֹ בְּדַרְכֵי הַשֵּׁם.

**פון וואו האט זיך אלעס אנגעהויבן...**

איידער מיר גייען ווייטער לאמיר זיך אפשטעלן א מינוט און לערנען אינאיינעם א מעשה נורא וואס די גמרא דערציילט אין **מסכת עבודה זרה** (דף י"ח.) ווי פאלגענד: ווען רבי יוסי בן קיסמא איז נישט געזונט געווען, איז רבי חנינא בן תרדיון איהם געקומען מבקר חולה זיין. בשעת זייער שמועס האלט רבי יוסי פאַר רבי חנינא אויף דעם וואס ער לערנט תורה ברבים אין די צייט וואס די גוי'אישע מלכות האט דאס נישט ערלויבט. ער פרעגט איהם, חנינא אחי, מיין ברודער חנינא ווייסטו דען נישט אז די רומיים האבן באקומען א ספעציעלע כוח פון הימל צו געוועלטיגן אויף אונז? דו זעהסט דאָך אז השי"ת האט זיי געלאזט חרוב מאכן דעם בית המקדש און פארברענען די היכל און אויס'הרג'ענען די שענסטע און די בעסטע פון כלל ישראל. און איך הער אז דו רבי חנינא זיצט און דו ביסט עוסק בתורה, דו נעמסט צוזאם אידן, דו ביסט מקהיל קהלות ברבים מיט א ספר תורה וואס ליגט אָפן פאר דיר. היתכן דו טוסט אזא זאך ווען דו ווייסט אז אונזערע שונאים האבן באקומען א כוח פון הימל, און זיי קענען אונז חלילה אומברענגען? האט רבי חנינא געענטפערט צו רבי יוסי, "מן השמים ירחמו - פון הימל וועט מען רחמנות האבן". זאגט איהם רבי יוסי צוריק, "אני אומר לך דברים של טעם, ואתה אומר לי מן השמים ירחמו?! איך רעד דאָך צו די זאך, איך קום מיט א שטארקע טענה אז דו וואלסט נישט געדארפט ארויסגיין אזוי אפענערהייט קעגן די רומיים בשעת דו ווייסט אז זיי האבן באקומען רשות פון הימל צו געוועלטיגן אויף אונז, פארוואס ענטפערסטו מיר סתם אפ מיט א טענה פון מן השמים ירחמו?" (זעה דארט די המשך הדברים).

דערנאך פרעגט רבי חנינא פון רבי יוסי, "רבי, מה אני לחיי העולם הבא? וואס וועט זיין מיין מצב לגבי חיי העולם הבא? וועל איך האבן א חלק אין עולם הבא?", זאגט איהם רבי יוסי צוריק, כלום מעשה בא לידך? האסט עפעס אמאל געהאט א ספעציעלע מעשה וואס דו שפירסט אז דאס איז א זכות. דאס הייסט, דערצייל מיר עפעס א גוטע זאך וואס דו האסט געטוהן, און איך וועל לויט דעם זעהן אויב דו ביסט א בן עולם הבא אדער נישט. האט רבי חנינא דערציילט, "מעות של פורים נתחלפו לי במעות של צדקה וחלקתים לעניים", איך האב אמאל געהאט פריוואטע געלט אוועקגעלייגט ספעציעל פאר די סעודת פורים, אבער למעשה האב איך בטעות געמיינט אז מיין געלט איז צדקה געלט און דעריבער האב איך עס אוועקגעטיילט פאר די ארימעלייט. שפעטער ווען איך האב מיך געכאפט אז איך האב אוועקגעגעבן פון מיין אייגענע געלט, האב איך עס געלאזט ביי דעם און כ'האב נישט צוריקגענומען געלט פון צדקה אפצוצאלן מיין פריוואטע שאָדן. ווען רבי יוסי בן קיסמא האט דאס געהערט האט ער געזאגט, "אם כן, מחלקך יהא חלקי ומגורלך יהא גורלי". הלוואי זאל איך האבן די זעלבע חלק צוזאמען מיט דיר, ווייל דו האסט מוותר געווען פון דיין געלט פאר צדקה און דו האסט געטוהן אזא דבר טוב וועסטו זיכער האבן א חלק אין עולם הבא.

אלע **מפרשים** פרעגן, געוואלד, מ'רעדט דאָך דא פונעם הייליגן תנא רבי חנינא בן תרדיון וואס האט זיך מוסר נפש געווען, ער האט מפקיר געווען זיין לעבן און זיך איינגעשטעלט מקהיל צו זיין קהילות ברבים און פאַרשפרייטן תורה אין די שווערסטע צייטן (אויף דעם האט דאָך איהם רבי יוסי בן קיסמא פאָרגעהאלטן), און ווען מ'רעדט אויב ער גייט האבן א חלק אין עולם הבא דארף מען דאס בויען אויף עפעס אזא קליינע מעשה פון צדקה געלט וואס ער האט נישט צוריקגענומען פאר זיך?! צו דען איז דאס זיין גאנצע זכות פאר עולם הבא? וואס איז מיט די פיל גרעסערע שכר וואס וואַרט איהם אפ אויף זיינע אומצאליגע גרויסע און הייליגע מעשים.

נאר מ'קען בסייעתא דשמיא זאגן א תירוץ נפלא וואס ליגט דא מרומז אין די ווערטער פון די הייליגע תנאים:

אויב וואלט רבי יוסי בן קיסמא באשטעטיגט פאר רבי חנינא בן תרדיון אז ער פאַרדינט זיין עולם הבא צוליב זיין גרויסע מסירות נפש פאר תורה, דאן וואלט געווען א מקום צו קלערן אז מען דארף דאך האלטן ביי אזא הויכע דַרגא כדי אנצוקומען צו עולם הבא. די אנוועזנדע תלמידים, ווי אויך אלע אידן עד סוף כל הדורות וואלטן געקענט טראכטן אז עולם הבא איז גאר א ווייטע זאך, עס איז נאר געאייגענט פאר רבי חנינא בן תרדיון וחבריו.

דער שמועס צווישן רבי חנינא בן תרדיון און רבי יוסי בן קיסמא איז געווען מברר צו זיין 'פון וואו האט זיך אנגעהויבן דאס אלעס', דהיינו, וואס איז די התחלה און בראשית פון זוכה זיין צו עולם הבא? וועלכע מעשים פון א איד ברענגן איהם צו חיי עולם הבא?

אין אנדערע ווערטער, אודאי איז רבי חנינא בן תרדיון שוין דאן געווען אויף גאר א הויכע מדריגה און עס איז נישט געווען קיין שום ספק פאר קיינעם אז ער וועט האבן עולם הבא צוליב זיינע גרויסע מעשים און זיין געוואלדיגע מסירות נפש (און אויף דעם האט ער נישט געדארפט פרעגן פון רבי יוסי בן קיסמא אויב ער וועט האבן עולם הבא). זיין שאלה איז געווען, **וואו פאַנגט זיך אָן דער חלק לעולם הבא?** זאגט איהם רבי יוסי בן קיסמא, זאלסט וויסן אז דיין חלק עולם הבא הייבט זיך אָן פון די קלענסטע פעולה וואס דו האסט אמאל געטוהן פארן אייבישטער, **יא ווען דו האסט אויסגעלייגט אביסל איבריגע געלט פאר צדקה וואס דו האסט נישט געהאט אין פלאן לכתחילה, דאס האט דיר שוין געמאכט פאר א בן עולם הבא!** הגם דו האסט געטוהן פיל גרעסערע און שטערקערע זאכן, אבער עולם הבא הייבט זיך נישט אָן נאר דארט, עס הייבט זיך שוין אָן אסאך פריער.

אוי ווי גוט און לעבטיג וואלט געווען ווען מיר וואלטן דאס אנערקענט און געדענקט און געהאלטן פאר די אויגן שטענדיג! דאן וואלטן מיר אנדערש אנגעקוקט און געשעצט יעדע קלייניגקייט, יעדע דבר טוב וואס מען טוט. די אלע פעולות וואס דער יצר הרע וויל אונז מאכן פאַרגעסן און אפקילן דערפון כאילו ס'איז גארנישט ווערד ח"ו, וואלטן מיר געוואוסט אז דאס איז אונזער "מה אני לחיי העולם הבא" פון וואו אלעס הייבט זיך אָן.

**וואס די מצוה פון ביכורים לערנט אונז**

דערמיט קומען מיר צוריק צו אונזער פרשה. פרשת כי תבוא האט אין זיך פילע ציוויים און אזהרות, צווישן אנדערע געפונען מיר די אלע ארור'ס וואס מען

האט אויסגערופן ביי די הר גריזים און הר עיבל. דערנאך איז דא די תוכחה וואס משה רבינו זאגט מוסר פאר כלל ישראל. אבער די הקדמה צו דעם אלעם איז "הִגַּדְתִּי הַיּוֹם לַה' אֱלֹקֶיךָ **כִּי בָאתִי** אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע ה' לַאֲבֹתֵינוּ לָתֶת לָנוּ", ווען דער איד ברענגט ביכורים דארף ער אויסרופן "רבונו של עולם איך בין אנגעקומע קיין ארץ ישראל!", מיר ווייסן אז ארץ ישראל איז מרמז אויף קדושה און רוחניות, דער איד דארף קלאר זאגן און אנערקענען מיט א גאוה דקדושה אז ער האט געמאכט פאָרשריט. דער איד רופט אויס אין בית המקדש, יא איך בין אנגעקומען צו נאך אביסל התקרבות לה', איך בין אנגעקומען צו נאך אביסל הייליגקייט און דערהויבנקייט. אודאי האב איך נאך א לאנגע וועג צו גיין, איך שטיי נאר אצינד ביים ברענגן מיין 'רֵאשִׁית' וועלכע איז בלויז די אנהייב, אבער איך האב מיט וואס צו קומען, איך האב אין מיינע הענט פילע גוטע נקודות און מעשים וואס איך האב זיך אנגעזאַמלט ביז אהער.

נאך מער, דאס איז דאָך די גאנצע מהות פון מצות ביכורים. די מצוה איז אז ווי נאר די ערשט געצייטיגע פירות ווערן גרייט זאל דער איד זיי אפשיידן צו ברענגן אין בית המקדש. איי ווער זאגט אז דאס איז בעסטע? בכלל, ווער ווייסט דען יעצט וואס וועט זיין מיט די איבריגע פירות פונעם פעלד? וועלן זיי וואקסן? וועלן זיי געלונגען און זיין גראָטן? איין באשעפער ווייסט. אבער דאס איז די מצוה, כאפ אָן די ראשית אזויווי עס שטייט און גייט און ברענג עס פארן אייבישטער. - ממש דאס זאגט דא דער איד אין זיין וידוי ביכורים: רבונו של עולם, איך האב נקודות טובות אין זיך, דאס איז מיין ראשית, איך האב אנגעהויבן, איך האב פראבירט, איך בין נאך אויף די נסיעה פון ווערן אן ערליכער איד, יא, איך האב טאקע א לאנגע רייזע צו גיין און איך ווייס נישט וואס עס וועט זיין בהמשך הדרך, עס ערוואַרט מיר נאך א גרויסע עבודה, אבער "הִגַּדְתִּי הַיּוֹם לַה' אֱלֹקֶיךָ כִּי בָאתִי אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע ה' לַאֲבֹתֵינוּ לָתֶת לָנוּ", היינט בין איך דא! ביז אהער בין איך אנגעקומען און דערגרייכט געוויסע מדריגות אין קדושה, דאס איז מיין ביכורים וואס דער יצר הרע וויל אוועכאפן און מיר נישט לאזן שטאלצירן דערמיט.

### די גאוה דקדושה און התחזקות אין חודש אלול

דאס איז די פאסיגסטע הכנה איידער מען איז ממשיך ווייטער מיט די מוסר און תוכחה, זיך מחזק זיין און געדענקן 'כִּי בָאתִי' איך בין שוין עפעס אנגעקומען, איך האב געמאכט פאָרשריט און געטוהן גוטע זאכן וואס ברענגן מיר צו עולם הבא. דאס איז אויך מרומז אינעם נאמען פון אונזער פרשה וְהָיָה כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ, **א איד דארף וויסן אז ער קומט אָן אין קדושה! ער רוקט זיך כסדר פאָראויס און טוט גוטע זאכן, אפילו אויב עס איז נישט אזוי קענטיג און אפילו אויב דער יצר הרע פאַרהוילט עס פון איהם.**

**און דאס איז אויך די ריכטיגע הכנה צו די ימי הרחמים והרצון וואס שטייען ביים שוועל, זיך אנצוגאַרטלן מיט התחזקות און שמחה און אנערקענען אז מיר פאַרמאָגן זכותים, לכל הפחות א ראשית פון וואס מיר דארפן שעפן חיזוק און זיך האלטן שטארק.**

בפרט ווען דער יצה"ר קומט מיט זיינע מיטלען און ער שפעט אפ פונעם מענטש זאגענדיג, קוק דיך אָן, עס איז שוין אדורך כמעט גאנץ חודש אלול און דו האסט דיך גארנישט גערוקט פאָראויס... אבער מיר שרייען אויס קעגן איהם, ניין, 'כִּי בָאתִי' איך בין יא אנגעקומען, איך האב זיכער יא געמאכט עפעס פאָרשריט. בכלל דאס אליינס אז עס טוט ווי פארן איד, עס כאפט איהם א ציטער וואו ער האלט אויפן וועלט, דאס אליינס ווייזט אז ער איז דבוק און מקושר צום אייבישטער און ער רוקט זיך נענטער.

די זעלבע זאך זאגט דער איד אינעם נוסח פון וידוי מעשרות "לֹא עָבַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ וְלֹא שָׁכָחְתִּי... שָׁמַעְתִּי בְּקוֹל ה' אֱלֹקָי עָשִׂיתִי כְּכֹל אֲשֶׁר צִוִּיתָנִי", ווי מיר האבן מדייק געווען אז דאס איז אנדערש ווי א געוועגליכע וידוי אין וועלכע מ'רעדט פון עוונות און חטאים, נישט פון מעלות און מצוות [זעה א לשון אין **שפת אמת** (שנת תרל"ט) כי אין הכוונה שיתפאר איש ישראל בעשיות מצות הבורא יתברך, רק לתת הודאה ושבח על שזכה לגמור כל מצות המעשרות כתיקונם... עס קען דאָך נישט זיין אז די תכלית פונעם וידוי איז זיך גרויס צו האלטן און זיך אויפטוהן].

נאר לפי ווי מיר לערנען דא, איז דאס א ענין פון התחזקות און וַיִּגְבַּה לִבּוֹ בְּדַרְכֵי הַשֵּׁם, ווי דער איד דארף אויסרופן און אנערקענען אז ער איז מקיים מצוות און מעשים טובים, ער האט אין זיך גוטע נקודות, ער האט א חלק אין עולם הבא. און נאר אזוי וועט ער קענען בייקומען דעם עמלק וואס וויל איהם מייאש זיין און אפקילן דורכ'ן איהם דערמאנען בלויז זיינע חסרונות און שוואכקייטן, און איהם האלטן דערוייטערט און קליין.

### מיר מוזן שטאלצירן מיט אונזערע גוטע נקודות!

ווי צדיקים האבן געטייטשט דעם פסוק אין אונזער פרשה וואס שטייט נאך די תוכחה (כ"ח מ"ז) **תַּחַת אֲשֶׁר לֹא עָבַדְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב,** אז עס קומט אן עונש ווען אידישע קינדער פרייען זיך נישט מיט די מצוות, זיי זענען נישט מחשיב געהעריג די גוטע זאכן וואס זיי טוען און זיי שטאלצירן נישט דערמיט.

אונזער עבודה איז יא זיך צו שטארקן בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב אויף אלע גוטע נקודות וואס מיר האבן שוין יא געטוהן. אודאי איז אונזער שאיפה אין די זעלבע צייט צו וואקסן פיל גרעסער און אנצוקומען אסאך ווייטער, אבער אצינד האבן מיר אביסל ביכורים און ראשית אין אונזערע הענט, און אין הימל איז דאס גורם א תענוג און נחת רוח וואס איז נישט מעגליך אפצושאצן!

לסיכום געדענק:

- איינס פון די דרכי היצר איז צו צוברעכן דעם מענטש און איהם מאכן שפירן קליין און נידריג אז ער מאכט נישט קיין פאָרשריט און ער איז גארנישט ווערד ח"ו.
- באמת האט יעדער איד אזויפיל גוטע רצונות און מחשבות, ער האט געקעמפט צו זיין גוט. די אלע מינוטן און נקודות האבן א אומגעהויערע חשיבות, און עולם הבא הייבט זיך אָן דוקא פון אט די קלייניגקייטן.
- די ריכטיגע הכנה צו די ימי הרחמים והרצון איז זיך אנצוגאַרטלן מיט התחזקות און שמחה און אנערקענען אז מיר פאַרמאָגן זכותים, מיר האבן זיכער א שטיקל 'ראשית' וואס דארף אונז שטארקן קעגן דעם יצה"ר.

## א לעכטיגע שבת קודש!

לע"נ הר"ר **משה שמעון הלוי** ז"ל
בן יבלחט"א אבי מורי הרה"ח ר' **שרגא פייביל** שליט"א

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק" דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com